ספרי׳ — אוצר החסידים — ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל
תשיעי

שער
שלישי

# לקוטי שיחות

על פרשיות השבוע, חגים ומועדים

מכבוד קדושת

## אדמו״ר מנחם מענדל

זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

## בחוקותי

(חלק כב)

יוצא לאור על ידי מערכת

„אוצר החסידים״

770 איסטערן פּאַרקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים וארבע לבריאה

מחזור הראשון של לימוד הלקוטי שיחות
שבוע פרשת בחוקותי, יח־כד אייר, ה׳תשפ״ד (ב)

**Likkutei Sichot**

Copyright © 2024
by
Kehot Publication Society
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / FAX (718) 774-2718
editor@kehot.com / www.kehot.org

All rights reserved. No part of this publication may be reproduced, stored in a retrieval system, or transmitted in any form or by any means, electronic, mechanical, photocopying, recording, or otherwise, without prior permission from the copyright holder.

The Kehot logo is a registered trademark of Merkos L'Inyonei Chinuch.

For dedications of the weekly Sichos, please contact us at: dedications@kehot.com

# בחוקותי *

א. ווען איינער האָט מקדיש געווען אַ שדה אחוזה און ער האָט עס ניט גואל געווען, אָדער דער גזבר האָט עס פאַרקויפט צו אַן אַנדערן, שטייט אין פסוק[1] „והי׳ השדה בצאתו ביובל קודש לה׳ כשדה החרם לכהן תהי׳ אחוזתו״, אַז עס גייט אַרויס צו די כהנים ביובל פונקט ווי אַ שדה החרם וואָס ווערט געגעבן צו כהנים.

אין סיום מס׳ ערכין[2] שטעלט זיך די גמרא אויף די ווערטער „כשדה החרם לכהן תהי׳ אחוזתו״ און פרעגט „מה ת״ל (וואָס לערנט „שדה החרם״ אויף אַ פעלד וואָס איז יוצא לכהנים ביובל[3]) מנין לכהן שהקדיש שדה חרמו, שלא יאמר הואיל ויוצא לכהנים (אם לא יגאלנו שהרי היא שלו כשדה אחוזה כו׳[3]) והרי היא תחת ידי תהא שלי ודין הוא בשל אחרים אני זוכה (אַ שדה אחוזה פון אַ ישראל איז יוצא לכהנים ביובל, „הי׳ לי חלק בה״[3]) בשל עצמי לא כל שכן, ת״ל והי׳ השדה בצאתו ביובל קודש לה׳ כשדה החרם כו׳ בא ללמד ונמצא למד מקיש שדה חרמו לשדה אחוזה של ישראל מה שדה אחוזה של ישראל (ווען אַ כהן האָט דאָס גואל געווען פון הקדש[3]) יוצא מתחת ידו (ביובל) ומתחלקת לכהנים[4] אף שדה חרמו יוצא מתחת ידו ומתחלקת לאחיו הכהנים״[5].

דער רמב״ם[6] פסק׳נט: כהן שהיתה לו שדה חרם שזכה בה אחר היובל והחרימה הרי זו מוחרמת ויוצאה לאחיו הכהנים שנאמר לכהן תהי׳ אחוזתו מלמד ששדה חרמו לו כשדה אחוזה לישראל שאם החרימה היא מוחרמת מיד.

פרעגט דער מנחת חינוך[7]:

א) פון וואַנעט נעמט דער רמב״ם אַז דער דין „יוצאה לאחיו הכהנים״ איז אויך ווען דער כהן האָט מחרים געווען שדה חרמו? די גמרא רעדט דאָך נאָר ווען אַ כהן „הקדיש שדה חרמו״[8].

נאָכמער: אַ כהן קען גאָרניט מחרים זיין, ווי די משנה[9] זאָגט אין פריערדיקן פרק „הכהנים והלוים אין מחרימין״. דער גאַנצער דין חרם איז ניט שייך ביי כהנים ולויים מגזירת הכתוב, און ס׳איז קיין נפק״מ ניט וועגן וועלכער פעלד עס רעדט זיך, צי דאָס איז געווען זיינע פון פריער, אָדער ער האָט עס באַקומען שפּעטער באיזה אופן שהוא; וואָרום אפילו מטלטלין אין מחרימין, ווי די משנה זאָגט, און ווי דער רמב״ם אַליין פסק׳נט אין דער הלכה שלאח״ז[10], „קרקע או מטלטלין של כהנים ולוים אינם מחרימין אותן״.

היינט פון וואַנעט נעמט דער רמב״ם אַז אַ כהן קען מחרים זיין שדה חרמו[11]?

*) וסיום מס׳ ערכין.

1) פרשתנו כז, כא.

2) לד, א. ושם כט, א.

3) פרש״י שם.

4) משנה שם כה, סע״א ובגמרא שם ע״ב.

5) וראה שם בהמשך הגמרא. ובמפרשים שם.

6) הלכות ערכין וחרמין פ״ו ה״ו.

7) מצוה שנז עיי״ש בארוכה.

8) במגדל עוז רדב״ז וכס״מ ציינו המקור לרמב״ם מהגמרא הנ״ל.

9) כח, א.

10) שם ה״ז.

11) בלח״מ לרמב״ם שם: והביא הדין בכהן

ב) פון וואַנעט נעמט דער רמב״ם וואָס ער שרייבט בסיום לשונו „שאם החרימה היא מוחרמת מיד״? אין גמרא ווערט בלויז דערמאָנט אַז „יוצאה לאחיו הכהנים״ (ונשנה ונשלש בלשון זה[12]), עס שטייט אָבער ניט אין גמרא אַז מ׳לערנט אַרויס „שאם החרימה היא מוחרמת מיד״.

ג) דער לשון הרמב״ם בתחלת ההלכה „שזכה בה אחר היובל״ איז אינגאַנצן ניט פאַרשטאַנדיק: יובל האָט קיין שייכות ניט צו חרמי כהנים, אַ כהן איז זוכה אין די חרמים שטענדיק (סיי לפני היובל סיי ביובל און סיי לאחר היובל[12]), און ווי דער רמב״ם פסק׳נט בהלכה שלפנ״ז[13], אַז די חרמי כהנים „הרי אלו ניתנן לכהן שבאותו משמר בשעה שהחרים״.

ב. מען וואָלט געקענט זאָגן (ווי ס׳איז משמע פון מפרשים[14]) אַז „והחרימה״ דאָ מיינט דער רמב״ם ניט חרמי כהנים, נאָר חרם לבדק הבית או חרם לשמים (וואָס אויך וועגן זיי רעדט ער אין די הלכות שלפנ״ז), און „כהן שהיתה לו שדה חרם שזכה בה אחר היובל״ מיינט אויך אַ שדה חרם לבדק הבית[15], וואָס ער איז אין דעם זוכה אחר היובל.

עס איז אָבער ניט גלאַטיק בלשון הרמב״ם (נוסף ע״ז וואָס לפ״ז צ״ע — פון וואַנעט איז דער מקור פון דעם דין אין רמב״ם[16]? — איז) פון סיום לשונו „מלמד ששדה חרמו לו״ איז משמע[17], אַז ער רעדט וועגן חרמי כהנים[18].

ג. בנוגע דער דריטער שאלה הנ״ל (סעיף א) פון מנ״ח, איז משמע פון אַנ־דערע מפרשים[19] אַז מיט די ווערטער „שזכה בה אחר היובל״ מיינט דאָ דער רמב״ם אַן אַנדער פאַל און ס׳דאַרף שטיין (אָדער ס׳איז כאילו ווי דער רמב״ם וואָלט געשריבן) „או שזכה בה אחר היובל״, אַ שדה אחוזה של ישראל וואָס דער ישראל האָט מקדיש געווען און לא פדאה, וואָס דעמאָלט איז יוצאה לכהנים ביובל[20] — איז אויך אַזאַ פעלד קען דער כהן מחרים זיין „שאם החרימה היא מוחרמת מיד״.

מ׳דאַרף נאָך אָבער פאַרשטיין: פאַר־וואָס איז דער רמב״ם מדייק און מקדים

---

שהחרים אע״ג דכאן נקט לה בכהן שהקדיש דהכל אחד ואין קפידא. וצע״ג דע״פ הנ״ל הרי אין הכל אחד, שרק מלהחרים אימעוטי׳ כהנים, ולא מלהקדיש (כמו שהקשה במנ״ח שם).

ואולי מפרש ברמב״ם „והחרימה״ — חרם לבדק הבית (כמ״ש בצפע״נ דלקמן בפנים), וע״פ מש״כ בפיה״מ להרמב״ם (תמורה פ״ז מ״ג — הובא בתויו״ט ערכין פ״ח מ״ו) ואל תעלה על דעתך שיש הפרש בין שאמרנו קדשי ב״ה ובין שאנו אומרים חרמי בדה״ב לפי שהשמות משונין והענין אחד. ראה מנ״ח שם לפנ״ז. אבל ראה צפע״נ (דלקמן הערה 15) די״ל דכהנים אינם יכולים להחרים אף לבדק הבית רק להקדיש.

12) ל׳ המנחת חינוך שם.

13) שם ה״ה.

14) ראה צפע״נ לרמב״ם שם פ״ד הי״ט.

15) ראה צפע״נ שם: דנקט רק כהן שהיתה לו שדה חרם שזכה בה דמשמע לכאורה דרק חרם גבוה אבל חרמי כהנים שפיר יש ע״ז שם אחוזה של כהן. ושם לז, ג (באמצע הטור): אבל שדה שנפלה לו או שירש אז יכול גם להקדישה בל׳ חרם לבדה״ב כו׳.

16) כי במקום שהרמב״ם מחדש הלכה שלא נמצא בש״ס וכו׳ רגיל לפרש על אתר „יראה לי״ (ראה לקו״ש חי״ב ע׳ 6 שוה״ג להערה 32).

17) וגם דאם הכוונה לשדה דחרמי בדק הבית הול״ל כהן שהיתה לו שדה אחוזה שזכה בה כו׳. ומלשונו שהיתה לו שדה חרם, מובן שקאי בהמשך להלכה שלפני זה שמדובר בחרמי כהנים.

18) שבה מדובר בהכתוב שממנו למדין דין זה.

19) קרית ספר (להמבי״ט) כאן.

20) שדין זה כבר הביא הרמב״ם לפנ״ז פ״ד הי״ט. אלא שצע״ק הלשון „שזכה בה אחר היובל״, דהרי זוכים בה כשהגיע היובל.

„כהן שהיתה לו שדה חרם", און בסיום לשונו אין דעם לימוד פון פסוק זאָגט ער נאָר „מלמד ששדה חרמו לו"[21].

ד. אין דער עצם שאלה אויפן רמב"ם אַז כהנים אין מחרימים, וואָלט מען בפשטות געקענט ענטפערן[22]: לדעת הרמב"ם איז דאָס וואָס כהנים אין מחרימין (קרקעות) — ניט סתם אַ גזירת הכתוב, אַ דין אין גברא אַז ביי כהנים איז ניטאָ דער גאַנצער דין פון חרמים[23], נאָר ס'איז אַ דין אין חפצא אין נכסי הכהן, און ווי ס'איז מדויק אין שינוי בלשון הרמב"ם:

אין דער משנה איז דער לשון „הכהנים והלוים אין מחרימין", און דער רמב"ם שרייבט „קרקע או מטלטלין של כהנים ולוים אינם מחרימין אותן".

וואָס דער טעם אויף דעם איז ווי דער רמב"ם איז ממשיך[24] „שהרי אומר[25] בשדה כי אחוזת עולם הוא לכם"[26] (וואָס שטייט ביי ערי הלוים) — און דעריבער איז דער דין דוקא ביי שדות וואָס זיינען בעצם זייערע מצד נתינת הקב"ה (די שדות אין ערי הלוים און וואָס ירשו מאביהם[27]), און בנוגע די שדות איז ניט שייך אַז מ'זאָל זיי מחרים זיין, ווייל דורך דעם ווערט נפקע אחוזה פון זיי והתורה אמרה „אחוזת עולם הוא להם"[28], אָבער אַ שדה חרם וואָס אַ כהן האָט באַקומען, וויבאַלד דאָס איז ניט אחוזתו, קען ער דאָס מחרים זיין.

דאָס איז אָבער לכאורה אויך ניט מספיק, וואָרום לפ"ז איז דאָס וואָס דער כהן קען מחרים זיין איז עס ניט ווייל ס'איז שדה חרמו, נאָר ווייל זי איז ניט אחוזתו — ניט אחוזת עולם שלו. האָט דער רמב"ם געדאַרפט מדגיש זיין ניט (כהן שהייתה לו) שדה חרם, נאָר אַז עס רעדט זיך וועגן אַ קרקע וואָס איז ניט אחוזת עולם לו (כהן שהיתה לו שדה שזכה בה (מישראל), אָדער כיו"ב)?

אויך אין דעם עצם סברא, אַז דער חרם איז חל ווייל די שדה איז ניט אחוזתו ממש, צ"ע: דער לימוד ווי דער רמב"ם ברענגט דעם היקש „שדה חרמו" צו „שדה אחוזה" איז בתוכן הפכי ווי ער איז אין גמרא. די גמרא זאָגט: „מקיש שדה חרמו לשדה אחוזה של ישראל מה שדה אחוזה של ישראל יוצא מתחת ידו ומתחלקת לכהנים כו'"[29], ד. ה. מ'לערנט אָפּ שדה חרמו פון שדה אחוזה של ישראל וועלכע דער כהן האָט פודה געווען מן ההקדש, אַז כשם ווי דאָרטן איז דאָס ניט זיינע און זי איז יוצא מתחת ידו, „אף שדה חרמו יוצא מתחת ידו כו'"[30].

אין רמב"ם אָבער איז דער לשון „מלמד ששדה חרמו לו כשדה אחוזה לישראל", וואָס משמעותו איז — די בעלות אויף שדה חרמו, פונקט ווי שדה

21) אף שהלימוד הוא מהכתוב שנאמר בו „כשדה החרם לכהן תהי' אחוזתו", הרי מזה גופא שלמדין הדין מכתוב זה, אף שכן הדין גם בשדה אחוזה שזכה בה אחר היובל, מובן שבעיקר דין הוא בשדה חרמו, ולהעיר שהרמב"ם שם לא הביא מהכתוב הל' „כשדה החרם".

22) להעיר מצפע"נ הנ"ל (לז, א): וזה דוחק לומר דהך והחרימה כו' ומשום דס"ל כו'. ע"ש.

23) כדעת המנ"ח.

24) וכ"ה בגמ' שם בטעם דלוים אין מחרימין, משא"כ בכהנים. וראה לח"מ לרמב"ם שם.

25) בהר כה, לד.

26) כ"ה ברמב"ם לפנינו. ובכתוב „להם".

27) ראה פרש"י ערכין כה, ב ד"ה ת"ל לכהן.

28) ראה קרית ספר שם.

29) וזה כתב הרמב"ם לפנ"ז (פ"ד הכ"ג).

30) וכן מסקנת הגמרא, דרשת רב נחמן קמ"ל אחוזתו אין חרמו לא, דלפרש"י ותוס' שם דחרמו לא הוי כאחוזה ליגאל לעולם.

**אחוזה**[31] **לישראל וואָס** ער קען זי **מחרים זיין.**

**ה. ויש לומר הביאור בכל זה בהקדם וואָס דער חינוך**[32] **איז מסביר די שרשי המצוה פון דיני חרמים: לפי שישראל הוא העם אשר בחר הא־ל לעבודתו ולהכיר שמו והם אינם תחת ממשלת המזלות אשר חלק השי״ת לעמים מן האומות אבל הם ת״י של הקב״ה מבלי אמצעות מלאך ומזל וכמ״ש כי חלק ה׳ עמו יעקב חבל נחלתו כו׳ לא תנוח בהם רק טובה ושפע ברכה ורוח נדיבה וטהרה תסמכם. וההפך והיא המארה והחרם על אויביהם ושונאיהם של ישראל וע״כ כי יקצר רוח אחד מהם ויוציא מפיו לשון קללה וחרם על ממונו וקרקעותיו שהם תחת הברכה הודיעו הכתוב שא״א לו להוציאו מרשות המבורך לרשות אחר לפי שכל אשר לישראל שהם חלק השי״ת לו הוא ומה שקנה עבד קנה רבו אבל מ״מ אחר שידענו באמת כי כוונת המחרים להוציא אותו דבר מרשותו ראוי להשלים חפצו וישוב לרשות אדוניו**[33] **ויהי׳ קודש כו׳ ומזה השורש הוא שארז״ל שכל אשר ללוים ולכהנים בין קרקע בין מטלטלין אין מחרימין אותן כלומר שאפילו אמר הכהן או הלוי על שדהו שיהי׳ חרם אינו נתפס כלל כי הוא כשוכן בית אדוניו מקום הברכה והחסד והטוב וכל אשר יש לו להשי״ת הוא ובתוך הברכה אין מקום לחרם חלילה.**

**ולכאורה איז ניט פאַרשטאַנדיק דער חילוק צווישן אַ ישראל וואָס קען מחרים זיין און אַ כהן ולוי וואָס אין מחרימין: אויך באַ אַ ישראל איז דאָך אין מקום „לחרם חלילה", און ווי ער זאָגט** פריער, **„א"א לו להוציאו מרשות המבורך לרשות אחר". ס׳איז בלויז „אחר שידענו באמת כי כוונת המחרים להוציא אותו דבר מרשותו ראוי להשלים חפצו וישוב לרשות אדוניו ויהי׳ קודש". היינט פאַרוואָס זאָל מען אַזוי ניט זאָגן אויך ווען אַ כהן אָדער אַ לוי זיינען מחרים, אַז ס׳איז יוצא מרשותו ויהי׳ קודש**[34]**?**

**נאָר דער חילוק איז: נכסים פון אַ ישראל, וויבאַלד אַז זייער שייכות צו חלק השי״ת איז ניט מצד (און אין) זיי גופא, נאָר מצד דעם אידן — מה שקנה עבד קנה רבו, דעריבער איז כאָטש עס איז ניט חל דער** ענין **החרם** (היפך הברכה) **על** הנכסים, **נאָר עס ווערט קודש, וויבאַלד אָבער אַז דאָס וואָס די תורה איז דאָס מוציא מרשותו איז סיבתה „כוונת המחרים", „וחפצו"** (שבלבו) **וועלכע דריקט זיך אויס** בלשון **חרם וואָס ער האָט געניצט, וואָס מצד די נכסים** מצ״ע **וואָלט עס געקענט חל זיין — איז חל עכ״פ דער** שם **חרם אויף דער פעלד, און דער היפך הברכה בנכסים אלה בנוגע דעם מחרים, ס׳איז** יוצא **מרשותו („וישוב לרשות אדוניו ויהי׳ קודש"). און ווי דאָס איז כפשוטו אַז זי ווערט אָנגערופן שדה חרם.**

**משא״כ ביי כהנים ולוים, וויבאַלד אַז די נכסים עצמם זיינען „כשוכן בית**

31) וראה לשון הרמב״ם לעיל פ״ד הי״ט: „ותהי׳ אחוזה להם". ושם סוף הלכה כ׳: „תחזור לכהנים כאילו הם בעלי׳".

32) מצוה שנז. ולהעיר דהחינוך ברוב הענינים ככולם הולך בשיטת הרמב״ם.

33) השי״ת (כנ״ל) — וכדלקמן „כשוכן בית אדוניו".

34) להעיר מקושיות הרא״ש (הובאו בשטמ״ק ערכין כח, א. אות ז) על הדין שהכהנים אין מחרימין משום שהחרמים שלהם — „מאי נתינת טעם הוא זה מ״מ יהא חרם וימעלו בו עד שיאמר אני רוצה לזכות בו כו׳".

אדוניו מקום הברכה והחסד והטוב וכל אשר יש לו להשי״ת הוא״ — איז אין זייערע נכסים ניט שייך אפילו ניט שם חרם בנוגע די כהנים ולוים, וואָס זאָל גורם זיין די יציאה מרשותם.

ו. און וויבאַלד אַז דאָס וואָס כהנים אין מחרימים, איז ווייל אויף זייער אחוזה קען ניט חל זיין דער שם חרם, דעריבער איז אַ כהן וואָס האָט באַקומען אַ שדה חרם פון אַ ישראל, וואָס אויף איר מצ״ע האָט געקענט זיין דער שם חרם — קען חל זיין אויף איר דער שם חרם אפילו ווען זי איז שוין ברשות[35] הכהן[36].

ועד״ז אַ שדה של ישראל וואָס זכה בה (הכהן) אחר היובל, וואָס די אחוזה איז ניט געוועזן שוכן בית אדוניו, ובמילא איז אין איר געוועזן אַן אפשריות אַז זי זאָל נחרם ווערן ע״י הישראל, בלייבט די אפשריות אויך ווען די שדה קומט אָן צום כהן[37].

און דאָס לערנט דער רמב״ם אַרויס „שנאמר לכהן תהי׳ אחוזתו מלמד ששדה חרמו לו כשדה אחוזה לישראל שאם הח־רימה היא מוחרמת מיד״. אַז די שדה האָט אַ דין ווי אַ שדה אחוזה לישראל, ניט ווי אחוזתו של כהן: דאָס וואָס דער שדה חרם אָדער די שדה שזכה בה אחר היובל איז מוחרמת, איז ניט אַזוי (מצד השלילה) ווייל דאָס איז ניט אחוזתו אויף וועלכע ס׳איז געזאָגט געוואָרן אחוזת עולם היא להם, נאָר (מצד החיוב) ווייל ס׳איז אַ שדה חרמו[38], אויף איר איז שוין חל געוועזן שם חרם, די שדה האָט געהאַט די אפשריות פון חרם, כנ״ל, ובמילא — ווערט אָט די שדה אפילו נאָכן אָנקומען ברשות הכהן, ניט ווי אחוזתו וואָס איז „כשוכן בית אדוניו״. און דעריבער „אם החרימה היא מוחרמת מיד״.

און דאָס איז דער חילוק פון דעם היקש אין גמרא „מה שדה אחוזה של ישראל יוצא מתחת ידו ומתחלקת לכהנים אף שדה חרמו יוצא מתחת ידו ומתחלקת לאחיו הכהנים״[39], און דעם לימוד אין רמב״ם: אין גמרא איז דער לימוד אַז ס׳בלייבט ניט זיינער נאָר מתחלקת לאחיו הכהנים[40], אין רמב״ם איז דער

35) אף ש„חרמי כהנים כל זמן שהן בבית בעלים הרי הן הקדש* לכל דבריהם** שנאמר כל חרם בישראל קדש קדשים הוא לה׳ נתנו לכהן הרי הן כחולין לכל דבריהם שנאמר כל חרם בישראל לך יהי׳״ (ערכין כט, א. רמב״ם שם ה״ה), כשאר ממונו של כהן (פרש״י שם), שיהיו מותרים אפי׳ לזרים (רדב״ז לרמב״ם שם). וראה פרש״י בכורות לב, סע״א.

36) ויש להסביר זה — שהשינוי מרשות ישראל לרשות הכהן אינו משנה עצם השדה שיהי׳ „כשוכן בית אדוניו השי״ת״.

37) וראה לח״מ שם ה״ז: וכן נקטה כשדה החרם מאי דקאמרה הברייתא כשדה שיוצאה לכהנים והכל אחד.

38) עפ״ז יש לבאר הסדר דהלכות אלו ברמב״ם, דלכאורה הדין בהלכה ו׳ כהן שהייתה לו שדה חרם (ותחלת ה״ז) הוצרך לכתוב אחר הדין בה״ז, שקרקע כו׳ של כהנים אינם מחרימין אותן ובהמשך לזה משא״כ בכהן שהייתה לו שדה חרם שבזה יכול להחרים —

אלא ששדה חרם של כהן, שהכהן יכול להחרים הוא לא (רק) מצד המיעוט שאינו אחוזת עולם, ובמילא יכול להחרים כ״א מצד החיוב כנ״ל בפנים. ובא בהמשך לההלכות לפנ״ז שהוא כמו ישראל שהחרים חרמי כהנים.

39) וכן כתב הרמב״ם לעיל פ״ד הכ״ג לענין המקדיש שדהו ופדה אותה כהן מיד ההקדש עיי״ש.

40) ובזה י״ל דקמ״ל דשייך לכל השבט, וראה תוד״ה מי דמי. ולהעיר מתירוץ רמי בר חמא שם כו׳ הואיל וכתיב ואיש את קדשיו כו׳. וראה פרש״י שם. ובפרש״י שם כט, א ד״ה שהקדיש: ועכשיו שאני מוחזק בה כו׳.

*) כ״ה ברמב״ם שם. ובברייתא (ערכין ובכורות שם) **כ**הקדש. אבל בבכורות שם לפנ״ז: אי בי בעלים **הקדש** נינהו.

**) שאסורין בהנאה ומועלין בהן (רבינו גרשום ערכין שם).

לימוד „ששדה חרמו לו כשדה אחוזה לישראל שאם החרימה היא מוחרמת מיד", אַז ס'איז חל אויף איר שם חרם, ס'איז יוצא מרשותו (און עס ווערט קדוש בקדושת הגוף[41]).

און דער רמב"ם נעמט דאָס אַרויס פון מסקנת הגמרא[42]: איצטריך סד"א הואיל וכתיב כי אחוזת עולם הוא להם הא נמי אחוזתו היא קמ"ל אחוזתו אחוזתו אחוזתו אין חרמו לא, אַז מ'קומט בעיקר שולל זיין אַז חרמו ווערט ניט אחוזתו, ובמילא איז חל אויף דעם דער דין ושם חרם[43].

ז. והנה לכאורה איז דאָס אַ חידוש צו מחדש זיין אַ טעם בדין און עפ"ז מחדש זיין אַ (חילוק אין) הלכה[44].

וי"ל אַז דאָס איז בשייכות מיט דעם וואָס די דיני שדה אחוזה און שדה החרם זיינען אין דער פרשה און אין דער מס' ערכין. וואָס כל ענין ערכין איז פאַרבונדן מיט טעם ושכל (מ'שאַצט אָפּ וויפל ס'איז די שווי פון אַ זכר מבן עשרים ועד בן ששים, וויפל פון אַ נקבה וכו'. זייער שווי בהשנים שלפנ"ז ושלאח"ז, דער ערך אדם ע"י „והעריך אותו הכהן גו'" דער ערך בהמה „והעריך הכהן אותה גו'"[45]). דער ענין הטעם והדעת איז דאָ אַזויפיל נוגע ביז ס'ווערט אַ הלכה גלייך בתחלת[46] מס' ערכין „הכל מעריכין לאתוי מאי לאתוי מופלא סמוך לאיש" – וויבאַלד אַז דער גאַנצער ענין פון ערכין איז פאַרבונדן מיט טעם ודעת[47].

ועד"ז לערנט מען אָפּ בנוגע צו חרמים וועלכע זיינען אויך בפרשת ובמס' ערכין, אַז די גדרים ודינים שלהם זיינען ניט קיין גזה"כ, נאָר מצד הטעם.

און דעריבער לערנט דער רמב"ם דעם סיום הגמרא „קמ"ל אחוזתו אחוזתו אין חרמו לא", אַז דאָס איז פאַרבונדן מיט'ן טעם מיוחד וואָס איז דאָ בחרמו. ובמילא קומט דערפון אַרויס אַז חרמו קען אַ כהן יע מחרים זיין[48].

ח. ס'איז ידוע[49] דער סיפור מיט ר' הלל פאַריטשער[50]: זייענדיק אַ יונגער־מאַן האָט ער געוואָלט זען דעם אַלטן רבי'ן און ער האָט ביי זיך געהאַט צוגע־גרייט אַ קשיא אין מס' ערכין אויף צו פרעגן דעם אַלטן רבי'ן. ווי נאָר דער אַלטער רבי איז אַריינגעגאַנגען אין צי־מער וואו ר' הלל האָט זיך געהאַט באַ־האַלטן, האָט ר' הלל דערהערט ווי דער אַלטער רבי זאָגט (בניגון הידוע) „אַז אַ

41) ראה תוד"ה דת"ר שם כח, א.

42) וצ"ע מה שהרדב"ז וקרית ספר להרמב"ם שם העתיקו רק התחלת הלימוד מקיש שדה חרמו לשדה אחוזה, ולא המסקנא דאר"נ.

43) וצ"ל דלהרמב"ם הי' הגירסא בגמרא מנין לכהן שהחרים במקום שהקדיש, וכמ"ש בלקוטי הלכות (זבח תודה) להחפץ חיים בערכין כח, א. או אולי מפרש מ"ש בגמרא שהקדיש היינו שהחרים שדה חרמו. ודוחק. וצ"ע.

44) והרי גם בתורה רק לר"ש דרשינן טעמא דקרא (גיטין מט, ב וש"נ). וראה תוד"ה ורבי שם „דלא פליגי אלא היכא דאיכא נפקותא". וראה הדעות בשד"ח כללים מערכת ט' כלל טז.

45) ובפרטיות בדרז"ל על כהנ"ל.

46) דנעוץ תחלתן בסופן ולכן מנהג ישראל תורה – דמקשרין בהדרן סיום המס' בתחלתה.

47) וכ"ה תוכן המשנה האחרונה דערכין (שעלי' קאי הדין בגמרא כשדה חרם כו'): אין עושין שדה מגרש כו' שלא יחריבו ערי ישראל, שטעם הדין הוא סיבת הדין.

48) ומתאים גם להדין דערי הלוים במשנה שם (ערכין לג, ב) אין דברים הללו אמורים אלא בערי הלוים (וכן פסק הרמב"ם הל' שמיטה ויובל פי"ג ה"ח) – שדנים וקובעים ע"פ החפצא, ולא הגברא. וראה צפע"נ הנ"ל.

49) ראה סה"ש תרח"צ ע' 276. לקו"ש ח"ב ס"ע 400 ואילך.

50) ראשי פרקים מתולדותיו – ראה פלח הרמון על ספר בראשית וע"ס שמות בתחלתם.

יונגערמאַן האָט אַ קשיא אין ערכין דאַרף ער פריער זיך מעריך זיין".

וי"ל אַז דאָס איז געווען אַ הוראה צו ר' הלל'ן למשך כל ימי חייו, כידוע די הנהגה פון ר' הלל'ן אין הידורים און זהירות'ן ביותר[51].

אבל, לכאורה, ע"פ הנ"ל, איז דאָך דער ענין פון ערכין פאַרבונדן מיט טעם והשכלה, און דער עיקר מעלה ויתרון פון ר' הלל'ן איז גאָר באַשטאַנען אין דעם וואָס ער איז געווען אַן עובד ה', און ניט אין דעם וואָס ער איז געווען אַ משכיל נפלא.

איז דער ביאור בזה, אַז היא הנותנת: בשעת מען איז זיך מעריך, דעמאָלט קומט מען צו דער השכלה והבנה, אַז (עיקר ה)עבודה איז ניט דער ענין פון טעם ודעת, נאָר קבלת עול, זיין אַ עובד ה'.

וואָס דאָס דריקט זיך אויס בסיום המס' אין דעם ענין החרמים: ער איז מחרים ניט נאָר די נכסים, ער זאָל ניט הנאה האָבן פון נכסי (גשמיות) העולם (ל' העלם), נאָר אויך – כחות נפשו, אַז זיי זאָלן זיין „ברשות אדוניו" קדושים ומובדלים פון עניני עוה"ז, ביז כאופן חרמי כהנים אַז „אין להם פדיון", לא ימכר ולא יגאל[52]; זיי ווערן קדושת הגוף ביז ע"ד ווי ס'איז געווען ביי ר' הלל'ן, אַז מצד גודל זהירותו אין פרישות פון עניני עוה"ז, האָט זיין גוף אַליין געפילט וואָס ער דאַרף טאָן און ווי ער דאַרף טאָן[53].

און בשעת די הנהגה פון אַ אידן איז באופן כזה, אַז ער איז מחרים עניניו הגשמיים וכחותיו הרוחניים באופן של קדושה והבדלה הנ"ל איז דאָס אַזוי במכש"כ אין זיין דבור כפשוטו, אַז ער איז נזהר בדבורו ביותר, און ס'איז ניט שייך אַז ס'זאָל אַרויסגיין פון זיין מויל אַ לשון פון היפך הברכה;

און דעמאָלט איז ביי עם „רק טובה ושפע ברכה", ביז באופן ווי ס'איז ביי כהנים ולוים, וואָס כל איש ישראל אשר נדבה רוחו קען דערצו צוקומען „להבדל לעמוד לפני ה' לשרתו ולעובדו כו'", וואָס דעמאָלט „הרי זה נתקדש קודש קדשים ויהי' ה' חלקו ונחלתו לעולם ולעולמי עולמים"[54]. און אויך כל נכסיו (ופשיטא – כל בניו וביתו) זיינען זיי גופא „שוכן בית אדוניו מקום הברכה והחסד והטוב",

און עס קומט אַראָפּ בטוב הנראה והנגלה בבני חיי ומזוני רויחי,

ויה"ר – לכל בני ובנות ישראל בכל מקום שהם.

(משיחות י"ט כסלו, ש"פ וישב תשמ"א)

51) ראה לקו"ד ח"ג תקכג, ב. ואילך.

52) פרשתנו כז, כח. ערכין כח, ב. רמב"ם שם פ"ו ה"ד.

53) לקו"ד שם תקכו, ב.

54) רמב"ם סוף הלכות שמיטה ויובל.